

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג




פרשת שמיני – אבות פ"א
עש"ק כ"ז ניסן – י"ב לעומר תשפ"ה לפ"ק

שנה י"ז - גליון 779
זמנים: עש"ק 7:31 – מוצש"ק 9:00


## האט'ס גע'פועל'ט אלעס גוט'ס... בזכותו הגדול פון אונזער הייליגער רבי בעל "ברך משה" זי"ע - ועכי"א

## מיר דאנקען און לויבן דעם פון אויבן!

### ~ די קינדער ב"ה צוריק צו די לימודים ~

**איה שוקל ואיה סופר ווי נעמט מען א בליי און ווי נעמט מען א שרייבער אראפצושרייבן די געוואלדיגע גוטע גריסן וואס האלטן און איין אריינקומען סיי מיט בריוולעך און סיי מיטן אריינרופן עס קלינגט ב"ה צוריק ווי "הערליך שיין" ווי די קינדער האבן אזוי שיין אראפגעגעבן דעם הייליגן יו"ט פסח מיט די אלע הייליגע לימודים.**

**עס האט זיך** ב"ה אנגעהויבן מיט א פרישקייט דער נייער זמן פון נאך יו"ט. עס דערקענט זיך גוט אויף די קינדער'לעך די כוחות וואס מען האט אין זיי אריינגעלייגט. וויפיל זיי ווייסן, און וויפיל זיי קענען. די קליינע מוח'לעך מיט איבערגעפולטע לימודים קע"ה.

**עס איז** זייער אנמערקבאר געווען **די הערליכע פולע דאנק בריוו'לעך וואס עלטערן האבן געשריבן** און ארויסגעברענגט ווי שטארק די קינדער האבן הנאה געהאט פון די אלע לימודים און מעשיות לכבוד פסח און ספעציעל די הערליכע <u>הגדה</u> מיט די 3 <u>מעשה ביכלעך</u> וואס האט ארומגענומען די גאנצע משפחה מיט עקסטאז, ווי שיין און ווי אינטערעסאנט א יעדע לימוד וואס איז וויכטיג פאר די קינדער איז אזוי שיין ארויסגעברענגט געווארן. די קינדער האבן דאס אזוי שיין מיטגעהאלטען <u>פון אינעווייניג</u> און ווי שטארק די קינדער האבן הנאה געהאט דערפון, דאס שיין צו איבערדערציילן און מיטטיילן מיט די עלטערן און ארומיגע ב"ה. אזעלכע גריסן גיבט א שטארקע חשק און מוהט צו גיין ווייטער בסייעתא דשמיא.

**אזוי ווי** די קינדער האבן זיך ב"ה אויסגעצייכנט און צוריק געברענגט דעם **"פסח אויפפירונג צעטיל"** מיט גוטע אויסצייכענונגען האט מען קודם אויפן פלאץ געגעבן א קלייניקייט, אויך וועלן **מיר אי"ה גיין מיט די קינדער אין די קומענדיגע וואכן ערגעץ אויף א טריפ געוואנדן לויטן וועטער...** כדי זיי צו באלוינען און געבן חיזוק אויף ווייטער אנצוגיין מיט גוטע אויפפירונג בעזהשי"ת.

**אין די** קומענדיגע וואכן **די ספירה טעג** וועט מען פארציילן און לערנען אי"ה יעדע וואך אן אנדערע מעשה פון מדרשי חז"ל און פון פריערדיגע הייליגע צדיקים. די קינדער האבן שטארק הנאה פון די הייליגע מעשיות חז"ל. אזוי אויך ברענגט דאס אריין אין די קינדער יראת שמים, צו שטייגן מעלה מעלה, בתורה און מידות טובות, אמונה און בטחון, אן א שיעור, ווי די קינדער קענען זיך אראפ לערנען גוטע מידות בעז"ה.

**די קינדערגארטן כיתות** וועלן אי"ה ווייטער ממשיך **זיין מיטן לימוד פון די א' ב'** דאס צו לערנען און פארענדיגן מיט א געשמאק און אינטערעסע און בעז"ה דאס קענען ווי ווייט מעגליך, **(די קינדער וועלן נאך אי"ה איבערלערנען די א'ב' נאכאמאל אנפאנג כיתה א')**, אבער עס איז נאך אלץ בעסער אז די קינדער קענען דאס שוין פון דעם יאר. עס ווערט אריינגעלייגט גרויסע

## שבת מברכים חודש אייר

דער מולד וועט זיין זונטאג נאכט 30 מינוט מיט 2 חלקים נאך 9, **<u>ראש חודש איז מאנטאג און דינסטאג</u>**
**<u>פרשת תזריע-מצורע</u>**

## ווינקל אינהאלט


- **די קינדער צוריק צו די לימודים.**
- טראנספארטאציע סדר עש"ק און זונטאג
- **די ברכה אויף דיביימער!**
- שליסל חלה - מנהג ישראל.
- **פארציילט אין לאנטש רום, איבער די צוויי יארצייטן = דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, און פון מרן רבינו הקדוש ה"ברך משה" זצוק"ל .**
- גראם און באגריפן פון די וואך.
- **אויפמערקזאמקייט פינס פאר די קינדער.**
- ספירת העומר מיט די קינדער יעדן טאג.
- **די א"ב לימוד איז מען ממשיך מיט פלייסיגקייט.**
- בויען א שפראך פאר קינדער.
- **מעסעדש פאר עלטערן וועגן לייז.**
- מזל טוב וואונטשן.
- **חכמה'לעך.**
- בילדער פון בדיקת חמץ טאג אין די ראמען פון חדר.
- **ברוכים הבאים נייע קינדער.**


**נייעס ליין און שער הנגינה !**
**718-407-7460 # 1/5/6**

## זומער טראנספארטאציע
## סדר פרייטאג און זונטאג

**אנגעהויבן די וואך <u>פרייטאג פרשת שמיני</u> וועלן די באסעס זיין ביי די ערשטע סטאפ ביים אהיים גיין אי"ה <u>11:25</u>. בערך 10 מינוט שפעטער ווי ביז יעצט**

**<u>זונטאג</u> בלייבט די זעלבע <u>10:25</u> ביים ערשטן סטאפ, איין שעה שפעטער ווי א גאנצע וואך. <u>פרישטאג עסט מען אינדערהיים</u>**

מיט דאנק ההנהלה

כוחות לויט פארשידענע אופנים און מעטאדן מיט אינטערעסאנטקייטן **אז די קינדער זאלן קענען גוט אלע אותיות.** מיר האפן אין די קומענדיגע וואכן ביז שבועות צו פארענדיגן אלע אותיות און בעהשי"ת דאס גוט איבערחזר'ן עס זאל זיין שגור על פיהם מיט א פליסיגקייט.

**אין פאל אז א קינד כאפט נישט אויף געוויסע אותיות** אדער ער פארמישט זיך מיט די אותיות דארף מען דאס נאך נישט מאכן פאר קיין פרעשור, אמאל מיט א קלייניקייט קען מען פארריכטן, **אבער עס איז יא וויכטיג דאס צו איבערשמועסן מיטן מלמד אדער מיטן מנהל** עס זאל אנגעמערקט ווערן צייטליך כדי זיך צו קענען אפגעבן דערמיט אין די קומענדיגע וואכן און דאס אדרעסירן נאטורליך אזוי אז אלע קינדער זאלן בעזהשי"ת דאס גוט קענען.

**עס איז שטארק מעגליך** אז א קינד זאל פון אנפאנג יאר ביז פסח צייט, נאכנישט אזוי גוט אויפכאפן, אבער יעצט ווען דאס קינד איז א האלב יאר עלטער מיט מער פארשטאנד וועט דאס יא גיין בעסער. די מלמדים פורבירן יעדע שטיק צייט דעריבער חזר'ט מען איבער פון אנפאנג די א-ב איינמאל און נאכאמאל..

**אויב ווילט איר איבערשמועסן א ענין** וועגן אייער קינד קענט איר אריין רופן **אין אפיס צום מנהל אויף 718-407-7460 Ext 2217** ווי מיר וועלן פראבירן אייך צו העלפן בעזהשי"ת ווי ווייט מעגליך. ביטע לאזט איבער א קלארן מעסעדזש און מיר וועלן אייך צוריק רופן ביי די ערשטע געלעגנהייט. **דער בורא כל עולמים זאל אונז ווייטער העלפן און שטענדיג באגלייטן מיט הצלחה וסייעתא דשמיא עד ביאת הגואל בב"א.**

## די ברכה אויף די ביימער!

מיטוואך: זענען מיר געווען מאכן א ברכה אויף די פרוכט ביימער! מיר האבן זיך זייער שיין צוגעהערט אז **ס'איז א מצוה צו מאכן א ספעציעלע ברכה אויף די ביימער אין חודש ניסן** ווען מען זעהט ווי די ביימער הייבן אן צו וואקסן שיין, און יעצט איז נאך חודש ניסן, זענען מיר געפארן אויף א קליינעם טריפ צו קענען מאכן א ברכה אויף די ביימער.

**א גרויסע שמחה** האט אונז ארום גענומען מיר ווערן געוואויר פון **נאך א מצוה'לע.** דער מנהל האט אונז ערקלערט אז אין די ווינטער חדשים ווען עס איז קאלט וואקסן נישט די ביימער נאר אום חודש ניסן הייבן אן די ביימער צו וואקסן זייער שיין, **זיי הייבן אן צו בליען און ארויס געבן די גוטע פרוכט,**

**דאן דארף מען מאכן אויף די פרוכט בוים א ספעציעלע ברכה צו לויבן און צו דאנקען השי"ת פאר די פיינע פרוכט וואס ער מאכט וואקסן צו די געשמאק פון די מענטשן פון די וועלט. און פאר אלע גוטע זאכן וואס השי"ת טוט מיט אונז שטענדיג.**

**די קינדער** פון **קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן** כיתות זענען געפארן אין שכינות פון חדר ווי עס וואקסן שיינע פרוכט ביימער מיר האבן הויך געמאכט די ברכה אויף די ביימער צוזאמען מיט מיין רבי, **דערנאך האבן מיר געזינגען און געטאנצן מיט א שמחה און פרייד צום הייליגן באשעפער.**



## ~ "שליסל חלה" מנהג ישראל תורה ~

**"שליסל חלה":** מיר האבן געלערנט מיט די קינדער וועגן דעם מנהג ישראל אז דעם ערשטן שבת נאך פסח מאכט מען אויף די חלה א צורה פון א שליסל, אין טייל ערטער ווערט געברענגט אז מען שטעכט אריין אין די חלה מיט א שליסל. **עס איז ראטזאהם "צו ווייזן פאר די קינדער אויף די חלה דאס וואס מען האט מיט זיי געלערנט אין חדר"** און ארויסווייזן א חשיבות צו **א מנהג ישראל.**

**די קינדער האבן געמאכט די שליסל חלה** (פרי ק"ג און נוירסערי) געקאלערט, און געקלעבט, יעדער לויט די עלטער און די קינדערגארטן כיתות האבן באקומען א עכטע שליסל, און יעצט ווען מיר דאס זעהן אויך ביי אונז אינדערהיים, אויף די עכטע חלה.

## פארציילט אין לאנטש רום

**לכבוד די יארצייט פון דעם הייליג'ן דברי חיים דער צאנזער רב זי"ע ועכי"א** האבן מיר זיך אזוי שיין צוגעהערט צו די וואונדערליכע מעשיות וואס איז געווען ביים הייליגן צאנזער רב זצוק"ל.

**ביי פרישטאג** האבן מיר געהערט ווי **הרב יואל טויב שליט"א** פארציילט אונז א מעשה, ווי איינמאל איז א צובראכענע אלמנה (מיר ווייסן שוין יעצט וואס מיינט אן אלמנה ל"ע <u>ביי קיינעם זאל ח"ו נישט פאסירן</u>) געקומען צום הייליגען צאנזער רב מיט א גרויס געוויין אז זי האט נישט קיין געלט. זי פלעגט פארקויפן אין מארק עפעלעך, און אלע מענטשן אין מארק זאגן אז די עפעלעך זענען נישט גוט, איינער זאגט ס'איז צו גרויס, איינער זאגט ס'איז צו קליין, איינער זאגט די עפעלעך זענען נישט פריש, אזוי אז קיינער וויל נישט קויפן..

**האט זיך דער הייליגער צאנזער רב אויפגעהויבן אינמיטן לערנען און איז** געלאפן צום מארק צו די טישל דארט ווי די אלמנה האט פארקויפט די עפעלעך און ער האט אנגעהויבן צו פארקויפן דארט די עפעלעך.. **ווער וויל קויפן פיינע עפעלעך?? ווער וויל קויפן פיינע עפעלעך??** אזוי האט דער הייליגער צאנזער רב געטון, און אזוי זענען אסאך מענטשן געקומען צו לויפן יעדער האט שוין געוואלט קויפן די עפלעך און עס האט זיך זייער שנעל אלעס פארקויפט עס איז גארנישט געבליבן. און פון דעמאלטס אן זענען שוין יא אלע מענטשן געקומען קויפן אייביג נאר פון די אלמנה די עפעלעך אין מארק און די אלמנה האט שוין געהאט אסאך געלט... **אזוי האבן מיר גוט פארשטאנען אז מ'דארף טוהן די מצוה פון צדקה און ארויס העלפן א צווייטן איד מיט וואס מען קען נאר. זי"ע**

### גראם פון די וואך

לחיים לחיים די נשמה אן עלי'ה, קראנקע א רפואה,
אלע אידן א גרויסע ישועה.

<u>ביי די מעשיות:</u>

אין פליגער א גרויסע נס געשעהן, דארט האט דאס א יעדער געזען. (ברך משה)
פאר צדקה האט ער די מנורה אוועק געגעבן,
ווייל ער וויל מחי' זיין א אידיש לעבן.

### קינדערגארטן

**מיר ווערן בארייכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**

**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערעהערט זייער שיין.**

#### ווערטער און באגריפן: באגריפן געפיהלן

- דער באשעפער האט ליב א צדיק און ער היט אויף דעם צדיק, אפילו פון א שלעכטע רשע.
- דער באדייט פון א יומא דהילולא פון א צדיק.

# די מעשה מיט די קליינע מנורה.

**ביי מיטאג** האבן מיר זיך צוגעהערט **ווי דער מנהל שליט"א** האט פארציילט אויף א מעשה פון **דעם הייליגן צאנזער רב איבער זיין צדקה זי"ע ועכי"א**

**קודם** האט דער הייליגער צאנזער רב זצ"ל געהאט א שיינע גרויסע מנורה און ווען א איד איז געקומען בעטן געלט ווייל ער האט נישט, פלעגט איהם דער הייליגער רב זצ"ל געבן אסאך געלט מיט א ברכה. איינמאל איז אזוי געווען אז עס איז נישט געווען קיין געלט אין שטוב, האט דער הייליגער צאנזער רב גענומען זיין שיינע גרויסע מנורה און דאס אוועק געגעבן כדי צו באקומען געלט, צו קענען געבן פאר דעם איד וואס האט יעצט געדארפט די צדקה. א צייט שפעטער איינמאל אפאר וואכן פאר חנוכה ווען די הייליגע קינדער פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע האבן באמערקט אז די מנורה איז נישט דא האט מען געפרעגט דעם הייליגן רב זצ"ל ווי איז די מנורה אהינגעקומען? האט ער זיי דערציילט די מעשה, אז א איד האט געדארפט געלט!! און כדי צו באקומען געלט צו קענען געבן פאר דעם איד האט ער זיין שיינע גרויסע מנורה אוועק געגעבן!!..

**דעמאלטס איז געגאנגען** זיין זון (דער רבי ר' ברוך'ל גארליצער זצ"ל) און פארשאפט א נייע שיינע גרויסע מנורה פאר זיין טאטן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע. אבער אפאר טעג פאר חנוכה איז נאכאמאל געקומען א איד'ענע (א באבע) מיט א געוויין און געבעטן צדקה ווייל זי האט נישט גארנישט קיין געלט אבער ווען דער הייליגער צאנזער רב האט געזוכט עפעס געלט אין שטוב האט ער ווייטער נישט געטראפן קיין געלט צו געבן פאר די באבע, האט ער נאכאמאל גענומען זיין גרויסע שיינע נייע מנורה און דאס אוועק געגעבן כדי ער זאל האבן געלט צו געבן פאר די צובראכנע איד'ענע וואס דארף יעצט צדקה!

**ווען ס'איז אנגעקומען חנוכה** ביינאכט פרעגן די קינדער פון דעם הייליגן צאנזער רב ז"ל ווי איז די גרויסע מנורה האט ער זיי נאכאמאל פארציילט אז ער האט געדארפט דאס געלט פאר צדקה!! האט מען אים געפרעגט, אין וואס וועט מען צינדן די חנוכה ליכט? האט זיך דער הייליגער צאנזער רב אנגערופן: אז **פאר מיר איז פונקט גוט מיין שלום אליעזר'לס קליינע מנורה** (ער איז נאך געווען א קינד מיט א קליינע מנורה). (די מעשה איז פארציילט געווארן לויט די פארשטאנד פון די קינדער זייער שיין) אזוי האבן מיר גוט געהערט, וואס מיינט **די מצוה פון צדקה און ווי אזוי מ'דארף גיין העלפן א איד.** (די מנהל האט געהערט די מעשה פון א איד וואס איז געווען ביי הרה"צ רבי שלום אליעזר'ל זצ"ל אין ראצפערט און ער האט פארציילט אז אסאך אידן פלעגן קומען קוקן די מנורה ער האט אין דעם געצינדן יעדעס יאר. ער פלעגט זאגן: אז דער טאטע זצ"ל האט געזאגט אז די מנורה איז פאר אים גוט, איז דאס פאר מיר זייער גוט.)

*******

**נאך א מעשה הערן** מיר, ווי איינמאל איז דאס געווען ביים **הייליגן צאנזער רב זי"ע** אז די מענטשן ארום האבן באמערקט אז דער הייליגער צאנזער רב איז געווארן פרייליך און ווען מ'האט געפרעגט פארוואס איז ער היינט אזוי פרייליך האט ער ערקלערט אז ער זעהט אז דער נייער ביהמ"ק און הימל, וואס מיר בויען אויף מיט אונזערע מצוה'לעך איז שוין ממש פארטיג אינגאנצן אפילו דער פירהאנג.. ביי די טיר. אבער נאכדעם האט מען געזעהן אז דער הייליגער צאנזער רב איז שוין מער נישט פרייליך נאר גאר פארקערט!! האט ער פארציילט אז עפעס א רשע האט זיך יעצט געשלאגן מיט זיין חבר און געטון א עבירה אזוי אז דער פירהאנג פון דעם ביהמ"ק האט ער צוריסן.. אזוי הערן מיר אז מ'טאר זיך נישט ארום קריגן נאר מיר וועלן טאקע זיין זייער וואויל און העלפן בויען דעם נייעם ביהמ"ק וואס שנעללער.. מיט אונזערע מצוה'לעך. **זי"ע ועכי"א**

## זייט אויפמערקזאם

**אזוי ווי יעצט אין די צייט פון יאהר וואס עס טוישט זיך דער וועטער יעדן טאג אנדערש אמאל ווארימער און אמאל קעלטער און די קינדער קומען אין חדר אמאל מיטן מאנטל און אמאל מיט וועטער טעימער א.ד.ג. און אמאל אן גארנישט. איז זייער וויכטיג צו מאכן זיכער אז די קינדער זאלן קומען אין חדר ר יעדן איינציגן טאג מיט זייער באס פין.**

## אלע קינדער האבן באקומען א נייע פין

**די וואך** ווען די קינדער זענען צוריק געקומען צום נייעם זומער זמן האבן די מלמדים ספעציעל געגעבן פאר אלע קינדער "**א נייע באס פין**" און איבערגעקוקט אז א יעדע איינציגע קינד זאל האבן **א "באס פין" אין א גוטן צושטאנד** מיט אלע ריכטיגע אינפארמאציע.

**ביטע** נעמט אין אכט אז א "**באס פין**" איז געמאכט געווארן כדי צו פארזיכערן אז די קינדערלעך שיחיו גייען ארויף אויף די ריכטיגע באסעס, און מען טראגט זיי אהיים צו זייער הויז, אז א קינד האט נישט קיין פין, קענען זיי בטעות ארויפגיין אויף א אנדערן באס, און ווי פארשטענדליך ברענגט דאס עגמת נפש פאר'ן קינד, פאר די עלטערן, און פאר דעם מוסד.

**אויב פארלירט איר א פין** דארף מען שרייבן א צעטל פארן מלמד פון קינד **אז מען זאל אים געבן א נייע פין.** און **ביטע שיקן $2** פארן נייעם פין, מען קען נישט איבערגעבן פאר א באס רבי א מעסעדזש צו געבן א נייע פין, נאר מיט א צעטיל צום מלמד פון קינד.

## ספירת העומר מיט די קינדער יעדן טאג

**אזוי ווי מיר** שטייען אין די ספירה טעג איז דאך דא די מצוה פון ציילן ספירה, איז איינגעפירט ביי אונז אין חדר אז יעדן טאג ביי מיטאג ציילט מען ספירה סיי מיט א שיינע ניגון "**לאמיר ציילן**" (מ'קען דאס הערן ביים שער הנגינה אפטיילונג) אזוי אויך ציילט מען צוזאמען אלע קינדער "**היום!!! לעומר**", **די קינדער ציילן זייער שיין מיט אלע צוזאמען.**

**ספירה סיינס** הענגט מען אויף אין די כיתות ווי אין א יעדע כיתה באזונדער ציילט מען, אזוי אויך שיקט מען דאס אהיים אויף א קליינעם פורמאט, מיט א מעגענעט דאס צו לייגן אויפן פרידשידער און אזוי וועלן די קינדער קענען אריין קלעיבן א באלי סטיקער ביי יעדן טאג, אזוי אז די קינדער וועלן מחונך ווערן מיט נאך א מצוה, ווי די קינדער ווייסן צו ציילן ספירה.

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

# די קינדער זענען געפארן מאכן א ברכה אויף די ביימער!











מען כאפט א טענצל נאכן מאכן די ברכה אויף די ביימער










# די קינדערלעך זיצן מיט הנאה און געשמאק און האלטן מיט ״א שיינע פראגראם״

## אינעם טאג פון ״בדיקת חמץ״ אין די ראמען פון חדר פאר די נוירסערי, קינדערגארטן, און כיתה א׳

















# פארציילט פאר די קינדער פון אונזער הייליג'ן רבי דער בעל "ברך משה" זי"ע

**מען האט** אביסל פארציילט פון אונזער הייליגן רבי'ן דער **בעל ברך משה זי"ע ועכ"י** אזוי ווי די יארצייט איז געווען היינטיגן דאנערשטאג.

מיר האבן געהערט וואס מען טוט ביי א יארצייט, אנצינדן א ליכט - געבן צדקה - גיין צום ציון הק' מתפלל זיין, לערנען משניות אדער זאגן תהלים לעי"נ, און אזוי האבן מיר געטון **אלע קינדער פון קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן** האבן דעם דאנערשטאג געזאגט תהילים אין לאנטש רום אלע צוזאמען האבן מתפלל געווען אז בזכותו הגדול זאלן אלע קינדער זיין געזונט און שטארק און אז משיח זאל שוין קומען און די נאנטע טעג... דער רבוש"ע זאל העלפן מיר זאלן זיך האבן אויסגעבעטן אלעס גוט'ס בזכותו הגדול.

**מיר זענען זיכער** אז פונקט אזוי ווי בחיים חיותו האט ער פאר אונז געבעטן אלט'ס שליח ציבור מיט אזויפיל הייסע טרערן, אז די קינדער זאלן אויסוואקסן מיט געזונט און נחת דקדושה, איז ער אויך יעצט מתפלל פאר אונז, ווי ס'שטייט אין די גמ' אז גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, בפרט פאר די גאולה שלימה ווי ער פלעגט אזוי הארציג מתפלל זיין מיט בכיות נוראות ביי יעדער געלעגענהייט און מיטן "**אני מאמין**" זיך אזוי מחזק געווען. וימלא ד' משאלותינו במדה טובה אלע גוטע זאכן.

**מיר האבן** געהערט אינטערעסאנטע מעשיות וואס דער מנהל האט פארציילט פונעם הייליגן רבין זי"ע. **איין מעשה:** פון לאגער, האט מען פארציילט פונעם הייליגן רבין זי"ע וואס איז געשעהן מיט איהם ביי די מלחמה יארן ווען אלע מענטשן האבן געדארפט גיין אין א שורה שטיל האט א דייטשע פאליס באמערקט אז די רבי זאגט עפעס (געלערנט אדער געדאוונט) האט ער אראפגעווארפן דעם רבי'ן זי"ע אויף דער ערד און אים געשטויסן און געשלאגן אפאר מינוט, דערנאך האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט געהעריג און געגאנגען ווייטער, אלע ארומיגע האבן דאס זייער באוואונדערט, ווען מען האט געפרעגט דעם רבין זי"ע צו די שטויסעס און פעטש האבן איהם נישט וויי געטון? האט ער געענטפערט מיט א פשטות: איך האב עס גארנישט געפילט איך האב געזעהן ווי מיין הייליגע טאטע זצ"ל איז העכער מיר און היט מיך אפ אזוי האב איך גארנישט געפילט.

**נאך א מעשה** האבן מיר געהערט א אינטערעסאנטע געשעהעניש פון לאגער. ווען מען האט געהייסן פארן רבין מיט נאך איינעם זיי זאלן שלעפן א שווערן טאפ זופ און דער רבי איז געווען אויף די לינקע זייט פונעם טאפ, האט **דער רבי געזאגט פאר זיין חבר (ר' ליפא) אז ער האט נישט קיין כח אין די לינקע האנט און זיי האבן זיך שנעל געטוישט** **אז קיינער זאל נישט זעהן**, אבער דער רשע האט דאס באמערקט און ער איז צוגעקומען צום רבין און שטארק אנגעשריגן, פלוצלונג האט ער אויפגעהויבן זיין פיס כדי צו דערלאנגען א גוטן שטויס פארן רבין, דאס איז געווען אויף א הויכן בארג און ווען דער רשע האט אויפגעהויבן זיין פיס האט ער זיך אראפ געקאלערט און איבערגעדרייט, שפעטער ווען דער רשע איז צוריק געקומען זוכן דער רבין האט ער איהם נישט דערקענט ער האט געזוכט און געזוכט אבער ער האט איהם נישט געטראפן.

**נאך א מעשה** פון די לאגער יארן האבן מיר געהערט, אז איינמאל ווען מ'האט געדארפט גיין א לאנגע וועג און די דייטשע רשעים האבן זייער שנעל געטריבן יעדעם איינעם, שנעלער, שנעלער, אבער דער רבי זי"ע האט נישט געהאט קיין כח צו גיין אזוי שנעל ער איז געגאנגען אביסל שטאטער, האט זיך דער דייטשע רשע צובייזערט און פורבירט אנרייצן א הונט זאל ארויף טאנצען אויפן רבי'ן זי"ע אזוי פורבירנ'דיג עטליכע מאל איז דער הונט צוגעלאפן צום דייטשע רשע אים געביסן און געשריגן אזוי איז דער רבי געראטעוועט געווארן פון די דייטשע רשעים.

**אויך האבן מיר געהערט א מעשה** פון א גרויסן נס וואס איז געשען מיטן רבי'ן אמאל אויף א פליגער, בשעת ווען דער פליגער האט זיך געגרייט ארויף צו פליען אין די הייעך דעלמאטס פליהט דער פליגער קודם אויף די ערד זייער שנעל, איז אזוי געווען דער דרייווער האט שוין אויסגערופן אז א יעדער דארף זיך אראפ זעצן און צובינדען (סיט בעל"ד) דער רבי האט זיך פונקט אויפגעשטעלט אנצוטון זיין גארטל ווייל ער האט געוואלט זאגן תהילים, אבער פלוצלינג דער פליגער האט געכאפט א גליטש אויף די שנייי אינדרויסן דער גאנצער פליגער האט געמאכט א שנעלע סטאפ (שאורט סטא"פ) אסאך מענטשן זענען אראפ געפאלן און זיך גוט צוקלאפט אבער א יעדער האט געזעהן אז די רבי זצ"ל שטייט גלייך און פאלט נישט גארנישט אראפ. עס איז געווען אויפן פליגער אסאך גוים און אלע האבן געזעהן און געזאגט אז די באשעפער היט אפ די צדיקים זי"ע עס איז געווען א גרויסע קידוש השם.

**געפועל'ט א ישועה**, מיר הערן א מעשה אז איינמאל ווען א איד וואס האט לאנגע יארן נישט געהאט קיין קינדער איז אריין געקומען צום רבי'ן בעטן א ברכה פאר קינדער האט אים דער רבי געהייסן קויפן א בעטל (קריב) און דער אויבעשטער וועט אים העלפן מיט א קינד, אזוי האט דער איד געפאלגט, ער האט זיך איינגעקויפט א נייע קליינע בעטל און ער איז געהאלפן געווארן מיט א אינגל בעי"ה מזל טוב.

אויך האבן מיר געהערט ווי **דער רבי זי"ע** פלעגט אזוי שיין באגריסן א יעדן קינד ביי גוט שבת און א גוט וואך זאגן.

מיר האבן געהערט אז די רבי זצ"ל האט פארלאנגט פון עלטערע קינדער **אז די ציצית זאל מען ארויס לייגן** אז

יעדער זאל קענען זעהן די הייליגע ציצית ווייל דאס ווייזט אז מ'איז א ערליכע אינגל און דאס היט אפ דעם מענטש.

**"זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל" אמן**

# "לאמיר הערן" דערצייל מיין קינד! – די בילדער דערציילן!!
# יעצט פרעגן די עלטערן מה נשתנה?

**פסח ביינאכט** האבן טאקע די קינדער געפרעגט טאטע לעבן.. מה נשתנה? **אבער נאך פסח פרעגן די עלטערן ווי אזוי קען זיין** אז קינדער קענען אזויפיל? אזוי פיל? פארציילן מיט אזא קלארקייט?.

**יא עס איז טאקע א קשיא** אבער דער תירוץ איז גאנץ פשוט... לויט די הארעוואניע, לויט ווי מ'האט אוועק געשטעלט די שפראך צו די קינדער במשך דעם גאנצן ווינטער, אזוי שניידט מען ב"ה די פירות דערפון נאר מיט אביסעלע געדולד. עס ליגט דערין אביסל אינגרידיענס. לייענט די קומענדיגע שורות וועט איר באקומען א ידיעה וואס וועט אייך העלפן מיט אייער קינד בעזהשי"ת אויף א גאנץ יאר.

**ווי באקאנט פאר די עלטערן** לייגן מיר א שטארקן דגוש ביים לערנען מיט די קינדער אין יעדן יארגאנג אז די קינדער זאלן "פארשטיין" וואס זיי זאגן איבער, ווי ווייט מעגליך געוואנדן לויט זייער עלטער.

**ביי די קינדערגארטן כיתות** איז דאס אויף זייער א שטארקן פארנעם ממש יעדע וואך, ס'איז נישט פארהאן קיין שאלה צעטליך, נאר מיר לערנען מיט די קינדער אויף א בילד פון אינעווייניג אין דעם סדרה ביכל, און אזוי איז מען מסביר דאס ארום. <u>פון איין זייט</u> בויעט זיך ביים קינד א פארשטאנד ווען עס ווערט געלערנט (ווידיזשועלי – זעהן מיט די אויגן) א בילד. עס בויעט זיך זיין כח הדמיון וואס העלפט אים צו צום פארשטיין.

**פארשטייט** זיך אז מיר דארפן זאגן פאר די קינדער אז נישט דאס, איז דער בילד פון דעם געשעעניש! וואס מ'פארציילט אויף זאכן פון אמאל. ווייל מיר טארן נישט און קענען נישט אנווייזן אויף א בילד ח"ו אז דאס איז משה רבינו א.ד.ג. נאר די עיקר איז אזא מין בילד וואס האט אין זיך א וועג אז א קינד זאל זיך אויס'משל'ן דאס וואס מ'רעדט צו אים. און דאס איז טאקע די סיבה פארוואס מיר קענען האבן אין זעלבן ביכל אויפן זעלבן מענטש פארשידענע אויסזעהן (דא מיט היט דא מיט שטריימל א.א.וו.) ווייל מיר ווילן אויסלערנען פאר די קינדער "אז נישט דאס איז דער בילד, נאר אזוי ווי דאס". אזוי געבט דאס איהם א געלעגענהייט דאס אריין צו נעמען לויט זיין פארשטאנד, אזוי אז ווען ער פארציילט דאס אדער זאגט דאס איבער נוצט ער זיינע אייגענע ווערטער מיט פארשטאנד.

**אבער פון די אנדערע זייט** איז דא א שטיקל חסרון אז אמאל <u>טרעפן נישט די קינדער די ריכטיגע ווערטער צום בילד וואס ער זאל קענען ארויס ברענגען אין קורצן וואס ער דארף ענטפער'ן</u>. נו! אויב הייבט שוין אן צו געדויערן לאנג הערט מען שוין נישט אויס די קינדער אזוי געשמאק, מ'ווערט שוין אומגעדילדיג. אין אזא פאל הערט זיך ווען בעסער אויס א קינד מיט שאלות און ענטפערס איינס נאך די צווייטע לויט ווי דער רבי האט דאס איינגעחזר'ט אין חדר במשך די וואך. אבער דאס קינד ווייסט נישט אלעמאל וואס ער ענטפערט פונקטליך, אבער געפרעגט און גע'ענטפערט..

**דעריבער** אזוי ווי מיר זענען דא צו בויען דאס קינד מיט אזאך וואס שטעלט אים צו זיין פארשטאנד צו די לימודים אויף די שפעטערדיגע יארן, גייען מיר ביי די קינדערגארטן יארגאנג די מערסטנ'ס מיט די בילדער. און אפילו עס נעמט אמאל ביי א קינד אפאר וואכן, אדער חדשים, ביז ער הייבט אן שיין אראפ צו לייגן א בילד לויט וואס ער הערט אין חדר, ווייל ער מוז דאך נוצן פון צייט צו צייט זיין אייגענעם שפראך, לוינט זיך דאס, ווייל נאכדעם פארדינט מען אסאך מער. ווייל אפילו די זאכן וואס האבן נישט ממש קיין בילדער אזוי פונקטליך וועט ער אויך קענען איבער פארציילן מיט מער פארשטאנד און שפראך, איינמאל ס'איס אויסגעבויעט אין אים זיין פארשטאנד ריכטיג.

**דעם יו"ט פסח** איז שוין טאקע אינמיטן יאר ווען די קינדער האבן זיך שוין אביסל גע'עלטער'ט יעדער לויט זיין יארגאנג, און די קינדער האלטן שוין מיט אויף דעם לערן גאנג פון אנפאנג יאר, אזוי ארום אז וואס און וויפיל א מלמד זאל וועלן פארציילן גייט דאס מיט א סוקסעס ב"ה. דער אויבערשטער זאל ווייטער העלפן אז די קינדער זאלן מצליח זיין מיט אלע לימודים שטייגן און וואקסן מיט תורה ויר"ש מיט גוטע מידות.

**אין די קומענדיגע וואכן** וועלן די קינדער אי"ה קונה זיין אסאך, ביי די מעשיות פון מדרשי חז"ל און די מעשיות פון די פריערדיגע הייליגע צדיקים וואס זיי שיינען אריין אין א יעדע אידיש הארץ א שיין פון אמונה און מידות טובות.


**נייעס ליין שער הנגינה**

**געוועינדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי.**

**718 407-7460 1/5/6 הערט און האט'ס הנאה**

## חכמה'לעך

ווען מען האט געפרעגט **מענדעלע** פארוואס מען עסט מצות? האט ער געענטפערט: ווייל ס'איז פסח'דיג...

ווען מען האט געזאגט פאר **מאיר** פסח ביים סדר צו זאגן "פסח , מצה, מרור," האט ער אנגעוויזן אין די הגדה אז מען דארף זאגן: "שעפעלע" מצה און מרור... יישר כח פארן ארייגלייגן אזויפיל אין די קינדער....

ווען מען האט געפרעגט **יוסף יושע'לע** פארוואס מען טאר נישט עסן קיין חמץ? האט ער געענטפערט: ווייל ס'מאכט ברעקלעך...

**יושע** האט פארציילט ביים סדר אז פרעה האט באקומען "10 ברעקעלעך" (מכות) און אלע וואסער פון מצרים איז געווארן "נאס" (בלוט)...

עס איז נישט דא קיין ווערטער ארויסצוברענגען וואס פאר א שמחת יום טוב **הערשי** האט אריינגעברענגט מיט אלע שיינע זאכן וואס ער האט געקענט...

## מעסעדש פון מנהל - "זייט פארזיכטיג מיט אחריות"

**זונטאג** דארפן די קינדער עסן פרישטאג אינדערהיים. אבער אויב מאכט זיך סיי ווען אימער אז איר שיקט מיט אייער קינד א ברויט, מאכט זיכער דאס זאל חלילה נישט זיין קיין **"פינאט באדער"** – **"טשיז"** – **אדער "פוטער"** סיי וועלכער מילכיגס. ווייל דערמיט שטעלט איר אריין א צוויטן קינד אין א "סכנה ממש". פארן באס רבי איז נישט מעגליך אכט צו געבן אויף אזא ברויט. דעריבער נעמט מען דאס תיכף אוועק פונעם קינד. אז איר ווילט אז דאס קינד זאל עסן ביטע שיקט אים נישט מיט אזא ברויט.

**וויכטיג: אין פאל** אז א קינד האט נישט געגעסן אינדערהיים זאל מען דאס לאזן וויסן פארן מלמד, אזוי וועט מען מאכן זיכער אז דאס קינד זאל עפעס עסן.

**עס איז זייער וויכטיג** צו דערמאנען אז אפילו און פארנומענע טעג, זאל מען **<u>נישט שיקן אפנעמען אדער ארויף לייגן א קינד צום באס מיט א קינד</u>, <u>נאר דווקא אן ערוואקסענער מענטש.</u>** עס האט זיך שוין עטליכע פעלער ארויס געשטעלט ממש צו א סכנה ר"ל. און אוודאי נישט אויפהאלטן דעם באס, עס איז נישט גערעכט אז א צווייטער זאל דארפן ווארטן לענגער אויפן באס. געדענקטס! א יעדעם'ס צייט איז טייער...

## ווייטער מיט די א"ב חלק ג' פון פ' ביז ת' בעזהשי"ת

**די וואך** האבן שוין די קינדערגארטן כיתות אנגעהויבן מיט א פרישקייט צו לערנען ווייטער די אותיות **פ' פ' ף'**, נייע שיינע ביכלעך מיט פארשידענע ארבייט דערויף. ווי די מלמדים טוהן דאס מיט די קינדער לערנען אויף זייער א לייכטן פארנעם מיט א שמחה, אויך טוט מען גוט איבערגיין שטענדיג אלע אותיות **פון א' ביז פ'** און אויפפרישן די א"ב מיט פולע אינטערעסאנטקייטן. "זאגן" און "ווייזן" אויפן וואנט און אופן טיש מיט א געשמאק און מאכן אינטערעסאנט, שטענדיג רעדן פון די אותיות א יעדן טאג ס'זאל אריינקריכן אין קאפ, בעז"ה.

**עס איז וויכטיג** די עלטערן זאלן וויסן אז מען לייגט אריין גרויסע כוחות אויפן לימוד פון די א' ב' וואס דאס איז באמת וויכטיג פארן קומענדיגן יאר אפילו זיי וועלן דאס נאך איבערלערנען דאך האט דאס א גוטן רושם אויף זיי און עס איז באמת כדאי פון מאל צו מאל איבערצוגיין מיט די קינדער פון אינעווייניג דעם סדר פון די א' ב' נישט דייקא צומישט נאר אויפן סדר אבער עס איז זייער וויכטיג צו געדענקען דאס נישט אויסצוהערן - פארהערן נאר איבערגיין צוזאמען מיט זיי אז דאס קינד זאל נישט האבן קיין שום דרוק דערויף אזוי וועט ער דאס לייכט אויפכאפן און געדענקען. ספעציעל מיט די נייע קארטלעך געים'ס דאס העלפט זייער אסאך פאר די קינדער מיט די א"ב..

**אויב זעהט מען א שוואכקייט אויף א קינד** אינעם לימוד האל"ף בי"ת איז כדי דאס צו קענען אוועק שטעלן ווי עס דארף צו זיין בעז"ה, קען מען זיך פארבינדן מיטן מנהל.

## מעסעדזש פאר די עלטערן

**<u>חשוב'ע עלטערן שיחיו</u> ביטע זיכער מאכן איידער איר שיקט אייער אינגל אין חדר אז ער איז <u>געגצליך ריין פון "לייז" און "ניץ"</u> מען זאל גוט אויסקעמען די האר פון "ניץ"**

**עלטערן פלאגן זיך שטארק צו האלטן זייער קינדער ריין דערפון עס איז נישט רעכט אז ווען איין קינד זאלן אנדערע ליידן. מיר האפן אויף אייער פולע קאאפעראציע.**

## שטריכן פון דער יארצייט טאג פון רבינו בעל ברך משה זי"ע אין קינדערגארטן

**היינט דאנערשטאג דעם טאג פון די יארצייט** איז געווען גאר ספעציעל, ביי מיטאג ווען דער מנהל איז אריין געקומען און אנגעצינדן א ליכט און געזאגט מיט אלע קינדער צוזאמען לעילוי נשמת רבינו משה בן חיים צבי זי"ע און נאכדעם **האבן מיר זייער שיין אלע געזאגט א קאפיטל תהילים די קינדער צוזאמען ווארט ביי ווארט** אזוי ווי דער מנהל האט פארגעזאגט. דערנאך האט מען אויסגערופן עטליכע נעמען און מתפלל געווען אז אלע קראנקע אידן זאלן האבן א רפואה שלימה, און **טאטע מאמע זאלן זיין געזונט און שטארק און אלע אידן זאלן געהאלפן ווערן מיט אלעס גוטס.** דערנאך האט מען געזינגען האט'ס געפויעלט אלעס גוט'ס אלעס גוט'ס... **דערנאך זענען מיר ארויף צו די כיתות ווי מיר האבן אלע געהאט שטיקעלע קעיק מיט גרעיפ דשוס און געוואונטשן א לחיים קראנקע א רפואה, געזונטע א ישועה, "זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל.** אמן

# מזל טוב ווינקל

| | | |
|---|---|---|
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>שלמה יוסף ב"ר יואל מנחם שימאן ני"ו<br>לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יצחק קארפען שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>ליפא ב"ר יואל זוסמאן גאלדבערגער ני"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין ברודער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>יוסף ב"ר ליפא ברייער ני"ו<br>לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>משה חיים ב"ר יואל ברמ"ר ווייסשטיין ני"ו<br>לכבוד די געבורט פון א ניכטע<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>בן ציון ב"ר הרב אלטר טייטלבוים ני"ו<br>לכבוד זיין מומע איז א כלה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>בנימין ב"ר מרדכי יונה ווידער ני"ו<br>לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>חיים זאנוויל ב"ר פינחס בר"מ פרענקל ני"ו<br>לכבוד די געבורט פון א ניכטע<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב שלמה ניסן שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אברהם עזריאל מאיר ב"ר יושע עסטרייכער ני"ו<br>לכבוד זיין פעטער'ס בר מצוה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב שלמה ניסן שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>יוסף לייב ב"ר אברהם שמואל אליעזר שעהר ני"ו<br>לכבוד זיין מומע איז א כלה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יודא לייב פוקס שליט"א |
| ברכת מזל טוב פאר הילד<br>איתמר טובי' ב"ר מרדכי יונה ווידער ני"ו<br>לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א<br>הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>אברהם מאיר ב"ר בנימין ווייס ני"ו<br>לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב יואל טויב שליט"א | ברכת מזל טוב פאר הילד<br>יצחק ב"ר אלימלך פריעדמאן ני"ו<br>לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי<br>הרב ברוך הורוויץ שליט"א<br>הרב יואל לעבאוויטש שליט"א |

## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג




שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,

מיט די העכסט צופרידענהייט.

באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,

**קרי"ש ליינען – וואכנאכט,** א הערליכע פרינט בעג.

**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה,** אדער **חברת תהלים,** סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקעלע"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**




**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**

## מעסעדזש צו די עלטערן
## די קינדער וואקסן ב"ה, די וועש נישט.

אז מען האט שוין געוועדט פון מלבושים, האט מען געבעטן אויפמערקזאם מאכן די חשובע עלטערן שיחיו - איבער דעם וואס מען כאפט זיך נישט אלעמאל אז די קינדער וואקסן אויס די העמדעלעך און די הויזעלעך און עס פאסירט זייער אסאך מאל ווען קינדער שפילן זיך ארום און בייגן זיך איבער, טוט זיך אויפדעקן טיילן פון קערפער וואס דארפן זיין באדעקט און קליינע קינדער כאפן זיך ארויף דערויף און קלערן דאס אלס א שפיל, אבער איידלערהייט דארף מען וויסן אז דאס ברענגט נישט קיין גוטס, צו צניעות דארף מען צוגעוואוינען קינדער פון גאר יונג, **מען דארף זיכער מאכן אז די קינדער גייען אנגעטוהן מיט קליידונג וואס איז גוט לויט זייער געוואוקס.**

## ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ

**שמחה קלאגסברוין, ישראל מנחם שלאגער, יצחק אייזיק לאנדא, מענדל וואלף שווארטץ, יוסף עזרא פאלקאוויטש, מרדכי זעליקאוויטש, שלמה גאלדשטיין, אלימלך הירש, יחזקאל שרגא כהנא, אברהם ראזינגער, מנחם שטארק**

## אפוועגן די האר

ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוּוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה. (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט

ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט"א 929.287.2354

ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.